ישראל שטערן / ווארשע

# האב איך א באהאלטענע טיר

זאָל מײַן ליד זײַן אויף שלעסער פֿאַרשלאָסן,
הײליק און שטיל זאָל דאָרט זײַן,
איך ווינק נישט און רוף נישט צו מיר,
אויב איך פֿיר דיך אַהינצו אַרײַן —
האָב איך אַ באַהאַלטענע טיר,
זאָל מײַן ליד זײַן אויף שלעסער פֿאַרשלאָסן.

כ'וויל נישט פֿון פֿרעמדס ווערן רײַך
נישט אַלע שטאַרבן מיר גלײַך,
וואָס טויג אין מײַן ליד, דײַנע אויגן?
אַז צווײ ווערקעס שטײען בײַם טײַך
לעבן זײ בײדע געבויגן,
נאָר יעדע פֿון זײ ווײנט באַזונדער.

כ'זוך נישט געלט און נישט רום, ווען איך זינג.
צו גאָט בײט מען אײנער אַלײן.
כ'וויל נישט זײַן דער גאָלדענער רינג
מיט מײַן האַרץ ווי אַ טײַערער שטײן
אויף עמיצס געשוואָלענעם פֿינגער.

זאָל מײַן ליד זײַן אויף שלעסער פֿאַרשלאָסן,
הײליק און שטיל זאָל דאָרט זײַן,
איך ווינק נישט און רוף נישט צו מיר,
אויב איך פֿיר דיך אַהינצו אַרײַן,
האָב איך אַ באַהאַלטענע טיר,
זאָל מײַן ליד זײַן אויף שלעסער פֿאַרשלאָסן.

האָב איך אַ באַהאַלטענע טיר

ליטעראַרישע בלעטער (וואַרשע, 1924–1939)

10, נומ' 49, דעצעמבער 8, 1933, ז' 783